# פרשת קרח כ"ז סיון – ג' תמוז תשפ"ב לפ"ק

*יום ראשון פרשת קרח*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **הלל** נ"י בן הר"ר **יוחנן אליעזר** כ"ץ הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה והשתתף אצל מעמד 'כבוד התורה' וחלוקת פרסים לתלמידי הישיבה גדולה שנבחנו על מסכת נדרים שלמדו במשך השנה העעל"ט, שהתקיים בהיכל הבית המדרש.

הרה"ג רבי **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל הישיבה) פתח את המסיבה, ודיבר במעלת תלמידי ישיבתנו הק', ובגודל התמדתם בתורה וביראת שמים. אחר כך נתכבד הבחור **יחיאל יהודא רוב** הי"ו לסיים מסכת נדרים. אחר ריקודין לכבודה של תורה נשמעו דברים מאת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא, ומאת **הרה"ג רבי אשר מאיר סעקולא שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). בסיום המעמד השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו, וחילק הפרסים לתלמידי הישיבה שעמדו למבחן על מסכת נדרים (נדבת ידידינו הרבני הנגיד הר"ר **אברהם פנחס בערקאוויטש** הי"ו).

*וזה תוכן הדברות קודש:*

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אטייל צונעמען יעצטביים סיום מסכת נדרים, וואס איך האב מיטגעלעבט פאריאר זומער, ווי אזוי די בחורים האבן אריינגעלייגט אזויפיל שעות. געוועגליך זעה איך נישט וואס עס טוט זיך אין די פארמיטאג סדרים, אבער זומער קען איך מער מיטהאלטן. ווען מען איז אריינגעקומען אין בית המדרש, פארטאגס און פאר פארטאגס, ביינאכט, איז מען געזעסן און מען האט געלערנט, און ב"ה א גרויס חלק האבן געענדיגט די גאנצע מסכתא.

**איך** וויל אויך באגריסן די בחורים וואס האבן נישט געענדיגט די גאנצע מסכתא, אבער זיי האבן אריינגעלייגט אסאך שעות, און יעדער האט קונה געווען וויפיל ער האט געקענט. און עס זאל געבן א חיזוק אויף ווייטער. **עס קומט יעצט א פרישער זומער, דאס איז די שענסטע צייט פאר א בחור, וואס ער קען אויסנוצען כמעט דעם גאנצן טאג, פאר תורה און עבודת ה'. מען שטעלט צו אלעס וואס מען דארף צו האבן, מען איז אפגעזונדערט פון די וועלט, און מען האט די מעגליכקייט קונה צו זיין די מסכתא וואס מען האט געלערנט, עס זאל נישט זיין קיין זורע ואינו קוצר. מען פלאגט זיך, מען האט אוועקגעבן צייט דערויף, און צום סוף נעמט מען נישט מיט וואס מען האט געלערנט. יעדער זאל מקבל זיין אויף זיך יעצט, איך גיי ארויס יעצט אויפן זומער, איך גיי מיר אויסשטעלן מיין סדר ווי אזוי איך זאל קענען ענדיגן, און זיך שטעלן צו פארהערן אויף די מסכתא.**

*

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון תרומה. דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש א פעלד, ער האט תבואה, ראשית דגנך דארף ער אוועקגעבן פארן אייבערשטען. און די זעלבע איז יעדער ראשית, די פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון חלה. ראשית עריסותכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ), א יוד דארף אוועקגעבן פארן אייבערשטען דעם ראשית. און דער פסוק זאגט (במדבר יח-כח) כן תרימו גם אתם תרומת ה'. אזוי ווי תרומת הגורן, נעמט א מענטש אראפ א חלק פונעם גורן, און די תרומה איז קודש לה'. כן תרימו גם אתם, עטץ פון ענקער לעבן, דארפט עטץ אויך מפריש זיין תרומה פארן אייבערשטען.

**א** יוד גיט אוועק די ראשית פארן באשעפער. אין די יונגע יארן זיצט מען אין בית המדרש, דאס איז קודש לה'! אזוי ווי תרומה קען א זר נישט צורירן, און עס איז קודש, עס איז אפגעטיילט, און מען גיט אכט דערויף עס זאל נישט צוקומען קיין טומאה דערצו, עס זאל זיין בקדושה. את משמרת תרומותי (במדבר יח-ח), מען דארף אפהיטן די תרומה. **אזוי איז די יונגע יארן פון א מענטש, דאס גיט ער אוועק תרומה פארן אייבערשטען, ער איז זיך מקדיש פאר תורה און עבודת ה'.** אזוי ווי מען נעמט אראפ תרומה פונעם גורן, כן תרימו גם אתם, עטץ אליין דארפטס פון ענק אויך מפריש זיין תרומה.

**און** ביי תרומה איז דא א הלכה (חולין קלו:) אז עס דארף זיין שיריה ניכרים. עס דארף בלייבן שיריים, עס זאל זיין ניכר, אז דאס איז די שיריים פון תרומה.

ווען א יוד איז מפריש די יונגע יארן תרומה פארן אייבערשטען, דארף צו זיין שיריה ניכרים, עס זאל איבערלאזן א רושם אויף זיין גאנץ לעבן שפעטער. עס זאל זיך דערקענען אין די שיריים, ווען ער איז שוין נישט באהלה של תורה, ווען ער איז שוין ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, דארף די תרומה ווירקן אויף א מענטש. **אין די ראשית פון זיינע יארן, דארף ער אהערשטעלן א יסוד אינעם לעבן, אז עס זאל זיך דערקענען אין יעדן ריר, אז דאס איז א בן תורה, ער איז געזעסן און געלערנט אין בית המדרש זיינע יונגע יארן, וועגן דעם זעהט ער יעצט אויס אזוי.**

*

**מען** האט פריער גערעדט, אז היינט איז די יומא דהילולא פון רבי חנינא בן תרדיון. מען האט פריער דערמאנט די גמרא (עבודה זרה יז:), אז רבי חנינא בן תרדיון האט מען פארברענט מיט א ספר תורה עמו. און ער האט געפרעגט רבי יוסי בן קיסמא, וואס טוט זיך מיט מיין חלק לעולם הבא. האט אים רבי יוסי געפרעגט, כלום מעשה בא לידך. האט ער פארציילט, אז ער האט געהאט אמאל וואס עס האט זיך אים אויסגעמישט מעות פורים מיט אנדערע געלט, און ער האט עס אוועקגעגעבן פון זיין געלט. און מען האט זיך געשטעלט, מען רעדט פון רבי חנינא בן תרדיון וואס האט כל ימיו עוסק געווען בתורה, און געהאט מסירת נפש אויף תורה, ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר תורה, צום סוף פרעגט ער, וואס איז מיט מיין חלק לעולם הבא? און ווי אזוי קען זיין, אז ער זאל פרעגן וואס איז מיט מיין חלק לעולם הבא, און די איינע זאך, אז ער האט געגעבן צדקה, ער האט אוועקגעגעבן זיין געלט, דאס האט עס געמאכט, פאר דעם גייט ער באקומען זיין חלק לעולם הבא.

**איך** האב געטראכט, עס קען זיין אז עס שטייט שוין, אז דער פשט דערפון איז, אוודאי איז תורה זייער חשוב, עס די חשוב'סטע זאך, ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א), עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס איז העכער פון תורה, עס איז די חשוב'סטע מצוה. און די חשוב'סטע שכר וואס מען באקומט אויף יענעם עולם, איז אויף תורה. אבער תורה דארף זיין ערליך, תורה לשמה. תורה שלא לשמה, איז נוח לו שלא נברא. א מענטש קען זיצן און לערנען זיין גאנץ לעבן, אבער ער האט געהאט חשבונות מיט פניות, כבוד מיט אנדערע זאכן וואס קומען צו דערצו, און ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט, ער וועט באקומען שכר אויף וואס ער האט געטון, ווייל אונז דארף מיר טון אפילו שלא לשמה אויך, אזוי שטייט אין חז"ל (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה ומצוות אפילו שלא לשמה. אבער עס איז נישט די חשיבות פון תורה ווי עס דארף צו זיין. חשיבות פון תורה איז, ווען מען לערנט תורה ערליך.

**וואו** דערקענט זיך, צו א מענטש לערנט תורה ערליך? ווי אזוי ווייסט מען, אז די תורה וואס מען לערנט איז תורה לשמה? דאס קען ער פריוון ביי זיך, ווען עס קומט אים אויס א זאך, ווי אזוי ער פירט זיך, צו וואס ער טוט איז בלתי לה' לבדו, דאס טוט אפטייטשן ווי אזוי זיין תורה איז געווען. אז מען האט געלערנט תורה ערליך, איז די מעשים וואס מען טוט שפעטער אינעם לעבן, שירייה ניכרים, עס דערקענט זיך ווי אזוי מען פירט זיך.

**ווען** רבי חנינא בן תרדיון האט געפרעגט, צו ער האט א חלק לעולם הבא, האט ער אים געפרעגט, כלום מעשה בא לידך. 'לערנען' איז איין זאך, וואס האסטו 'געטון'. דו האסט געלערנט תורה, וואס האט די תורה דיך אויסגעלערנט. כלום מעשה בא לידך, וואס איז געווען א מעשה וואס דו האסט געטון, וואס איך זאל קענען פון דעם אפשאצן, ווי אזוי דיין תורה איז געווען. האט ער פארציילט, איך האב געהאט א מעשה פון צדקה, און אמאל איז געלט ווערד געווען געלט, עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט, וואס מען ווארפט זיך מיט געלט. עס איז געווען אויסגערעכנט יעדע פרוטה, מען האט קוים געהאט אויף וואס צו לעבן, אויף אביסל צו עסן. און עס האט זיך ביי מיר מתחלף געווען מעות פורים מיט אנדערע געלט. קיינער וואלט נישט געוואוסט צו ער האט געגעבן, צו ער האט נישט געגעבן. צו ער האט עס געדארפט אוועקגעבן, צו נישט, און פון דעסטוועגן דאך האט ער אוועקגעגעבן פון זיין געלט, כדי נישט צוצורירן אין מעות עניים. דאס האט איבערגעצייגט, אז די תורה וואס ער האט געלערנט, איז געווען אן ערליכע תורה.

**אוודאי** דעם שכר וואס ער וועט באקומען לעולם הבא, איז נישט פאר די מעשה אליין, וואס ער האט אוועקגעגעבן געלט פאר צדקה. נאר דאס וואס דו האסט זיך געקענט אזוי פירן שפעטער, אז ווען עס

איז געווען א זאך וואס איז געווען צווישן דיר און דעם אייבערשטען, קיינער האט נישט געוואוסט אז עס איז נתחלף געווארן ביי דיר געלט, וויפיל געלט דו האסט געהאט, וואס דו האסט יא געדארפט אוועקגעבן, און וואס נישט. און פון דעסטוועגן דאך האסטו געהאט ביי דיר די כוחות הנפש אוועקצוגעבן דיין געלט, כדי דו זאלסט נישט צורירן צו געלט פון עניים, דאס האט איבערגעצייגט, אז די תורה וואס דו האסט געלערנט, איז געווען א ערליכע תורה. טאמער תורה ברענגט נישט צו לידי מעשה, דעמאלטס האט די תורה נישט קיין חשיבות. און איך קען דיר נישט זאגן, צו דו גייסט באקומען חיי עולם הבא פאר די תורה, אפילו מיט מסירת נפש. מסירת נפש קען מען אויך אמאל האבן, עס זאל נישט זיין בלתי לה' לבדו, נאר אז מען זאל זאגן, ער איז אוועקגעגאנגען פון די וועלט ווייל ער האט געהאט מסירת נפש פאר תורה. אבער אז עס איז געווען 'מעשה בא לידך', און אזא מעשה וואס קיינער האט נישט געוואוסט דערפון, נאר דו מיטן אייבערשטען האבן עס געוואוסט, און דו האסט געקענט עומד זיין דערין, דאס האט געוויזן די חשיבות פון די תורה וואס דו האסט געלערנט.

*

**עס** איז דא א פסוק אין משלי (ג-טו), וואס זאגט אויף תורה, יקרה היא מפנינים, די תורה איז חשוב'ער פון דימאנטען, וכל חפציך לא ישוו בה, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס זאל זיין אייניג צו תורה. וכל חפציך, אלעס וואס א מענטש האט א חפץ דערין, עס גלוסט אים, יעדער האט דאך זאכן וואס גלוסט אים, וואס ער וואלט געוואלט צוקומען, זיין שאיפה אין זיין לעבן. כל חפציך לא ישוו בה, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס קען זיך פארמעסטן מיט תורה.

**יקרה** היא מפנינים, תורה איז טייערער פון דימאנטען. ווען צוויי זאכן זענען אייניג איינס צום אנדערן, זילבער און גאלד, זילבער האט א ווערד, און גאלד האט א ווערד, קען מען זאגן אז די גאלד איז טייערער פון די זילבער. אבער מען קען נישט זאגן אז א דיימאנט שטיין איז מער ווערד פון א באטעל סאדע. מען האט צוגעשטעלט צוויי זאכן וואס זענען נישט דומה איינס צו דאס אנדערע. ווען מען רעדט פון תורה, וואס מען איז קונה דערמיט חיי עולם הבא! מיר האבן נישט קיין השגה וואס חיי עולם הבא איז. יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי עולם הזה (אבות ד-טז), פאר איין שעה עולם הבא, איז נישט ווערד די גאנצע וועלט. ווען מען רעדט פון תורה, איז עס בכלל נישט קיין דמיון צו פנינים, אז עס איז טייערער פון הבלי עולם הזה, מען רעדט דאך פון תורה, חיי עולם הבא. ווי אזוי זאגט מען יקרה היא מפנינים, אז די תורה טוה איך מעסטן, אז עס איז חשוב'ער און עס איז טייערער פון דיימאנט שטיינער?

**דער** פשט דערפון איז. אוודאי ווען מען מעסט חיי עולם הבא מיט חיי עולם הזה, איז עס נישט קיין דמיון! עס איז אפילו נישט קיין צושטעל, מען זאל זאגן אז עולם הבא איז בעסער פון עולם הזה. עס קומט אפילו נישט איינס צו דאס אנדערע. אבער אין עולם הזה אליין, קען א מענטש זוכה זיין, ער זאל שפירן א תענוג אין זיין לעבן, א תענוג אין זיין תורה, א תענוג אין א מצוה וואס ער טוט פארן אייבערשטען, מער ווי ער האט א תענוג ווען ער באקומט א טייערן דימאנט שטיין.

**די** וועלט זאגט נאך, אז א אדם גדול איז אמאל אריינגעגאנגען צו אן עושר, ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים ארויסהעלפן, ער זאל געבן געלט פאר די ישיבה. און ער האט אים אראפגעלייגט די חשיבות פון א זבולון וואס העלפט פאר תורה, אז אויף יענע וועלט וועלן יששכר מיט זבולון זיצן צוזאמען אין גן עדן. אזוי שטייט אין מדרש (ב"ר צט-ט), בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), כסף מיט חכמה וועלן זיין אין איין צל. און ער האט אזוי אראפגעלייגט פאר דעם עושר, ווי אויף יענע וועלט וועט דער ראש ישיבה זיצן צוזאמען מיט אים אין גן עדן.

**פרעגט** דער עושר, עס איז טאקע אזוי? עס איז נישט דא קיין שום חילוק צווישן מיר מיטן ראש ישיבה. זאגט אים דער ראש ישיבה, אויף יענע וועלט מסתם וועט נישט זיין קיין חילוק, מען וועט זיצן אינאיינעם. דער חילוק צווישן מיר און דיר איז נאר, אויף די וועלט, אז איך האב עולם הזה, און דו האסט נישט קיין עולם הזה! וואס איז דער עולם הזה פון א פשוטען מענטש, נאך עפעס געגעסן, נאך עפעס געטרינקען, נאך עפעס זיך ענדזשוי"ט אין זיין לעבן, עס קומט נישט צו, צו דעם טעם וואס א בחור איז זוכה ווען ער שטייגט אויס אין תורה, ער שפירט א טעם אין יעדע בלאט גמרא וואס ער לערנט, ער

שפירט א טעם אין א דאווענען, ער שפירט א טעם ווען עס קומט צוטון א מצוה פארן אייבערשטען. דער יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא, דער תענוג וואס מען קען האבן פון תשובה ומעשים טובים, דאס איז חשוב'ער פון עולם הבא. האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר דעם עושר, עולם הבא קען זיין אז מיר וועלן זיצן צוזאמען, אבער עולם הזה, איך האב עולם הזה, און דו האסט נישט קיין עולם הזה. - די וועלט זאגט, אז די משנה (סנהדרין צ.) זאגט, כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, אלע יודען האבן א חלק לעולם הבא. אין עולם הבא האט יעדער א חלק, אבער אין עולם הזה האט נישט יעדער קיין חלק. נאר דער וואס איז עוסק אין תורה, דער האט א חלק אין עולם הזה.

**ווען** דער פסוק וויל ארויסברענגען די חשיבות פון תורה, ווען מען וויל רעדן אז תורה איז עולם הבא, און די גשמיות פון די וועלט איז עולם הזה, קען מען אפילו נישט צושטעלן איינעס מיט דאס אנדערע. מען זאגט נאר, אז אין עולם הזה אליין, וואס די גרעסטע תשוקה וואס א מענטש קען האבן אין עולם הזה איז 'פנינים'. זאגט מען, דו זאלסט וויסן, אז פון תורה ביסטו מער נהנה אויף 'די וועלט', ווי דו קענסט נהנה זיין פון פנינים! מען רעדט נישט פון יענע וועלט, יענע וועלט איז נישט קיין דמיון. אבער איך וועל דיר אראפלייגן תענוגי עולם הזה, וואס דו האסט דאך יא א תענוג עולם הזה. דו זאלסט וויסן, 'יקרה היא', די תורה איז טייערער און חשוב'ער, 'מפנינים'. א יוד דארף צוקומען צו אזא מדריגה, 'וכל חפציך לא ישוו בה', וואס א מענטש וויל, און וואס ער שטרעבט, זאלסטו וויסן אז עס איז נישט אייניג צו תורה. דאס איז דער יקרה היא מפנינים, וואס תורה איז טייערער פון פנינים.

*

**אין** די גמרא (הוריות יג.) שטייט, יקרה היא מפנינים, די תורה איז חשוב'ער פון פנינים, פון א כהן גדול וואס איז נכנס לפני ולפנים. פנינים איז פני פנים. דער כהן גדול האט געטון די עבודה, ער איז אריין אין קדשי קדשים. דו ביסט מקנא דעם כהן גדול, ער טוט אן עבודה אין קדשי קדשים, זאגט די גמרא, יקרה היא מפנינים, זיץ אין בית המדרש און לערן, דיין מדריגה איז העכער! דו לערנסט תורה, דאס איז חשוב'ער פון די עבודה וואס דער כהן גדול טוט לפני ולפנים.

**עס** קען זיין דער פשט דערפון איז. מען האט פריער גערעדט, תורה איז זייער חשוב. אבער עס דארף זיין ערליך תורה. תורה לערנט מען כדי מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען, די תורה זאל דיך ברענגען לידי מעשה, מען זאל קענען וויסן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. איך זאל נישט נכשל ווערן אין קיין הלכות שבת, איך זאל נישט נכשל ווערן אין א הלכה וואס איז נוגע פאר א יוד צו טון. דאס איז די חשיבות פון תורה.

**מען** געפונט אז די גמרא רופט אן תורה, אז דאס איז דער שער פאר א בית, און דער אינעווייניג, דאס איז יראת שמים. די גמרא (שבת לא.) זאגט, חבל על דלית ליה דרתא, ותרעא לדרתא עביד, א שאד איז פאר דעם וואס האט נישט קיין דירה, אבער ער מאכט זיך א שיינעם טויער פאר דעם הויז. ווען איינער לערנט תורה, זאגט די גמרא, האט ער דעם שער, אבער ער האט נישט די דירה. די דירה דאס איז די יראת שמים וואס איז דא. תורה האט א חשיבות ווען עס איז מיט יראת שמים, ווען די תורה איז מביאה לידי מעשה, אז מען קען נאכדעם דינען דעם אייבערשטען, און מען קען טון זאכן, וואס נאר דער אייבערשטער ווייסט אז מען האט עס געטון, בלתי לה' לבדו, אזא תורה האט א חשיבות.

**נישט** יעדע תורה איז יקרה, נישט יעדע תורה איז טייער. 'יקרה היא', וועלכע תורה איז טייער, 'מפנינים', אזא תורה וואס איז מפנינים, וואס אין די דירה אינעווייניג איז דא יראת שמים. די תורה דאס איז דער שער אינדרויסן. ווען איז די תורה טייער, מפנינים, ווען עס קומט פון פני פנים. ווען מען האט אויפגעשטעלט א דירה, דו ביסט אויסגעבויט מיט יראת שמים, און אזוי לערנט מען תורה, דאס האט א חשיבות.

*

**מען** רעדט דאך צו בחורים, מקצת שבחו בפניו, מען באקומט אסאך מאל ווייניג קאמפלימענט"ס. ווייל בדרך כלל נאר ווען א בחור טוט נישט גוט, דעמאלטס ווארפט מען אים פאר, פארוואס ביסטו געקומען שפעט? פארוואס האסטו געטון אזוי און אזוי? אבער ווען אלעס גייט גוט, עס קען אמאל אדורכגיין א גאנצער זמן, און א בחור איז געקומען יעדן טאג באצייטנס אין בית המדרש, און ער וועט נישט באקומען קיין קאמפלימענ"ט אויף וואס ער האט געטון.

**אבער** דער ריכטיגער אמת איז, יעדער איינער וואס האט אוועקגעגעבן צייט פאר תורה, דארף וויסן זיין חשיבות! צו ער האט יא באקומען דעם קאמפלימענ"ט, צו נישט. בשבילי נברא העולם! דאנקען דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אים געגעבן די זכות, איך זיץ באהלה של תורה, איך נוץ אויס יעדע רגע וואס איך האב, צו לערנען. דעם אייגענעם חשיבות וואס מען דארף האבן, דאס דארף ארויסשטיין. אבער פון צייט צו צייט, קומט זיך אז מען זאל געבן א קאמפלימענ"ט פאר די בחורים.

**איך** זאג עס מיטן גאנצען הארץ, **איך טו אסאך מאל באוואונדערן דאס איידלקייט וואס איז דא צווישן די בחורים! ווי אזוי מען רעדט איינער צום צווייטן; ווי אזוי מען פירט זיך אויף; מען קריגט זיך נישט; עס דערקענט זיך די קדושת התורה וואס מען לערנט, אז עס האט איבער'גע'ארבעט דעם מענטש, און עס האט אים געברענגט דערצו, אז ער זאל זיך אויפפירן איידל, מען זאל זיך אויפפירן שיין איינער צום צווייטן.** עס קען אדורכגיין א גאנצער זומער, און איך זאל נישט הערן איין מאל שרייען, צו איינמאל האט זיך עפעס אפגעטון אין בית המדרש צווישן איין בחור מיט א צווייטן בחור. עס איז דאך שעות וואס מען זיצט צוזאמען, און מען האט נישט געזעהן קיין שום זאך וואס מען זאל קענען זאגן, אז מען איז נישט נוהג כבוד איינער פארן צווייטן. דאס נעמט זיך אלץ פון די תורה וואס מען לערנט. תורה איידלט אויס. צו מען קען יא די מסכתא אינגאנצען, צו מען קען נישט די מסכתא אינגאנצען, אבער דער בחור איז געטוישט געווארן! ער איז אנדערש פון א בחור וואס לערנט נישט קיין תורה!

**און** מען דארף וויסן דעם אייגענע חשיבות, דאס וואס ער זיצט און לערנט און הארעוועט, דאס ברענגט ארויס די חשיבות פונעם בחור. אויסער דעם וואס ער וואקסט אויס א תלמיד חכם, ער וואקסט אויס א ערליכער יוד, ער וואקסט אויס א מענטש מיט מידות טובות, און ער איז נאכדעם א מענטש וואס שטעלט אויף א שיינע יודישע שטוב.
**עס קומט זומער, דאס איז די שענסטע צייט פאר א בחור ער זאל קענען שטייגן!** אבער מען דארף זיין צוגעגרייט דערצו. וויסן, איך גיי ארויס אויפן זומער, ווייל איך וויל דעם זומער צוקומען צו א תכלית. און מען דארף זיך צוגרייטן דערצו, ווי אזוי וועל איך קענען שטייגן דעם זומער, ווי אזוי וועל איך ענדיגן די מסכתא וואס מען האט געלערנט? ווער וועט זיין מיין חברותא? ווען וועלן זיין די שעות וואס מען דארף לערנען אין ישיבה, און ווען האט מען פרייע צייט פאר זיך, און ווי אזוי וועל איך עס אויסנוצן. נעמען אויף זיך, איך וויל זיין פון די וואס וועלן מסיים זיין די מסכתא דעם קומענדיגן יאר.

**איך** וויל נאר אנוואונטשן, דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען ווייטער אויך וואקסן אין תורה און יראת שמים. עס זאל זיין אזא תורה וואס זאל זיין יקרה מפנינים, פילן די וויכטיגקייט און די חשיבות פון תורה. וכל חפציך לא ישוו בה, וויסן אז די חשוב'סטע זאך וואס מען קען האבן אין לעבן, איז תורה הק'. על כל פנים אין די יונגע יארן, ווען מען טוט מפריש זיין די תרומה, מען איז מפריש דעם ראשית פארן אייבערשטען, דארף מען אזוי לערנען תורה, אז עס זאל זיין שירייה ניכרים, עס זאל איבערלאזן א רושם אויף שפעטער.

**אזוי** ווי פאר די בחורים דארף מען געבן א קאמפלימענ"ט, דארף מען אמאל געבן פאר די מגידי שיעורים אויך, זיי באקומען נאך ווייניגער. מען לייגט אריין אזויפיל צייט און כח, וואס זיי געבן זיך איבער פאר די בחורים. וויפיל איך לעב מיט, זומער מער ווי אן אנדערס מאל, די גאנצער קאפ איז נאר ווי אזוי מען קען הייבן א בחור, און ווי אזוי מען קען זיי ארויפברענגען, נאך עפעס צוגעבן צו דעם שלימות פון א בחור. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן ווייטער אויך, זיי זאלן קענען מרביץ תורה זיין לאנגע געזונטע יארן, מיט נחת און הרחבת הדעת.

**מיר** האבן דא א חשוב'ן ידיד, רבי אברהם פנחס [בערקאוויטש] זאל זיין געזונט, וואס שטייט צו הילף שטענדיג אין אלע יארן. ער אליין איז א תלמיד פון די ישיבה דא, וואס איז אויסגעוואקסן איינער פון די גרעסטע בעלי חסד היינט. ב"ה ער האט קינדער וואס זענען מרביצי תורה, פירן אליין ישיבות, זאל דער באשעפער געבן ווייטער אויך, ער זאל קענען טון מצוות ומעשים טובים מתוך שמחה ונחת. און מיר אלע זאלן האבן א געזונטען זומער, און צוזאמען אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ח סעיף ו') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז משה רבינו האט געשיקט די מרגלים, כולם אנשים, ראשי בני ישראל המה (במדבר יג-ג). זאגט רש"י, כולם אנשים, אנשים איז א לשון חשיבות, זיי זענען אלע געווען חשובע לייט. באותה שעה כשרים היו, אין יענע צייט זענען זיי געווען כשרים. דאס איז טייטש, אז ער האט זיי געשיקט ערליך, און זיי זענען קאליע געווארן אונטערוועגנס. רש"י זאגט שפעטער (במדבר יג-כה), וישובו מתור הארץ, ווען זיי זענען צוריקגעקומען, וילכו ויבואו אל משה, זיי זענען געגאנגען און זיי זענען צוריק געקומען, מקיש הליכתן לביאתן, אזוי ווי ביאתן איז געווען בעצה רעה, אזוי איז הליכתן, ווען זיי זענען געגאנגען, איז אויך געווען בעצה רעה. דא זאגט מען, אז ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען באותה שעה כשרים היו, זיי זענען געווען אנשים כשרים. און נאכדעם זאגט מען, אז ווען זיי זענען געגאנגען, איז הליכתן שוין געווען בעצה רעה, כביאתן, אזוי ווי ווען זיי זענען צוריקגעקומען.

**און** לכאורה איז א הכרח צו זאגען, אז הליכתן איז געווען בעצה רעה. ווייל די תורה זאגט דאך, אז דער באשעפער האט נאכדעם געשטראפט די מרגלים, אז פאר די פערציג טעג וואס מען האט אויסשפיאנירט ארץ ישראל, זענען זיי געווען פערציג יאר אין מדבר. יום לשנה (במדבר יד-לד), וועט מען זיך אפרעכענען מיט זיי. די פערציג טאג האבן זיך דאך אנגעהויבן תיכף ווען מען איז ארויסגעגאנגען. כ"ח סיון איז מען ארויסגעגאנגען, און תשעה באב איז מען צוריקגעקומען, קומט אויס אז תיכף ווען מען איז ארויסגעגאנגען, האבן זיך אנגעהויבן די פערציג טעג, מוז דאך זיין אז עס איז געווען בעצה רעה. ווייל אויב מען זאגען אז די גאנצע וועג זענען זיי געווען כשרים, און נאר ווען זיי זענען צוריקגעקומען, צו פון ווען זיי האבן שוין אויסשפיאנירט ארץ ישראל, דעמאלטס זענען זיי געווארן מרגלים מיט א עצה רעה, פארוואס באקומט מען א עונש אויף די גאנצע פערציג טעג. מוז דאך על כרחך זיין, אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען, איז עס שוין געווען בעצה רעה. און דא זאגט רש"י, אז באותה שעה כשרים היו.

**מען** געפונט אין די גמרא (ברכות לג:), ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה את ה' אלקיך (דברים י-יב). פרעגט די גמרא, אטו יראה מילתא זוטרתא היא. וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה, נאר צו מורא האבן פונעם אייבערשטען. עס איז א קלייניגקייט? זאגט די גמרא, אין, לגבי משה מילתא זוטרתא. משה רבינו איז געווען אין אזא הויכע מדריגה, אז יראה איז געווען ביי אים א קלייניגקייט. פרעגט די וועלט, לגבי משה איז עס טאקע געווען א קלייניגקייט, אבער משה רבינו רעדט נישט צו זיך, ער רעדט דאך יעצט צום כלל ישראל, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל 'מעמך'. דער באשעפער בעהט פון דיר גארנישט, כי אם ליראה? וואס האב איך אויפגעטון אז ביי משה רבינו איז עס געווען א מילתא זוטרתא, ער רעדט דאך צו יודען, און פאר זיי איז עס נישט קיין מילתא זוטרתא, עס איז נישט א קלייניגקייט.

**עס** איז דא א חסידיש ווארט, אין **תולדות** (פ' בא) איז שוין צוגעברענגט דאס ווארט. אז די קדושה פון משה רבינו איז געווען אזוי גרויס, אז בשעת מען איז געשטאנען נאנט צו משה רבינו, איז צוצוקומען צו די מדה פון יראה, געווען א קלייניגקייט. די השפעה וואס מען האט געהאט פון די קדושה פון משה רבינו, האט איבערגעלאזט אויף יעדן מענטש, אז ער האט געהאט יראת ה'. אין, לגבי משה, בשעת מען איז געשטאנען ביי משה רבינו, און משה רבינו זאגט ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, איז פאר יעדן געווען יעצט יראה א מילתא זוטרתא.

**מען** געפונט ביי אליעזר עבד אברהם, ווען אברהם האט אים געשיקט אז ער זאל גיין זוכען א שידוך פאר יצחק, האט ער געזאגט (בראשית כד-ה), אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי, וואס זאל איך טון טאמער זי וועט נישט וועלן גיין. האט אים אברהם געזאגט, ונקית משבועתי זאת, דו וועסט זיין ריין פון די שבועה. און אליעזר האט עס שפעטער איבער דערציילט ווען ער איז געווען ביי בתואל אין שטוב, ווי אזוי דער אדון האט אים געשיקט, און אז ער האט

אים געפרעגט די שאלה, און אז ער האט אים געזאגט אז טאמער זי וויל נישט קומען, איז ער ריין פון די שבועה. און דארט זאגט רש"י, אלי כתיב, פון דאס ווארט 'אולי' פעלט דער וא"ו, ווייל ער האט געזוכט א עילה, ער האט געזוכט א וועג, אז זי זאל טאקע נישט וועלן קומען. ווייל אליעזר האט געהאט א טאכטער, און ער האט געוואלט נעמען יצחק פאר א איידעם, האט ער געקענט באשטיין אז עס זאל נישט ווערן דער שידוך. האט ער געזאגט, אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי, אלי כתיב, דער אולי האט ער געמיינט 'אלי', אז ער וועט קענען נאכדעם נעמען יצחק פאר זיך.

**די** וועלט פרעגט, אז דאס וואלט דאך געדארפט צו שטיין אנהייב, בשעת ער האט געפרעגט די שאלה פון אברהם, וואלט ער געדארפט צו פרעגן אולי, אלי. אבער נאכדעם וואס ער איז געווען ביי בתואל אין שטוב, דארט זאגט ער אלי? עס שטייט פונעם **אמרי אמת** (הובא **בפרדס יוסף** שם), אז ווילאנג מען איז געווען ביי אברהם אין שטוב, א הייליגע שטוב, ביי אברהם אין שטוב איז נישט דא קיין נגיעות, אלעס איז בלתי לה' לבדו. דארט ווען ער האט געפרעגט, אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי, איז עס געווען אן קיין שום פניה, נאר הלכה למעשה, וואס טו איך טאמער זי וועט נישט וועלן. אבער ביי בתואל אין שטוב איז שוין די לופט אנדערש, ביי בתואל אין שטוב ווען מען פרעגט א שאלה אולי, איז עס שוין מיט א חשבון, אלי כתיב. אבער ביי אברהם אין שטוב איז נישט געווען קיין חשבונות.

**בשעת** די מרגלים זענען געשטאנען ביי משה רבינו, און משה רבינו שיקט זיי מיט א שליחות, צו גיין אויף ארץ ישראל, כולם אנשים, זענען זיי געווען אנשים חשובים, אפילו זיי האבן אינזין געהאט די עצה רעה, אבער נישט אין שטוב פון משה רבינו. וישלח אותם משה, ווען משה האט זיי געשיקט, כולם אנשים ראשי בני ישראל המה. א טריט שפעטער ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון משה רבינו'ס שטוב, איז וילכו ויבאו, דארט האט זיך שוין אנגעהויבן אז עס איז געווען בעצה רעה. אבער אין שטוב פון משה רבינו, בשעת ער האט זיי געשיקט, איז געווען כולם אנשים, זענען זיי אלע געווען חשובים.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת היארצייט של זקינו **כ"ק הגה"ק בעל ולאשר אמר מסערדאהעלי זצ"ל**, שהתקיים בבית המדרש סערדאהעלי.

*

***יום שלישי פרשת קרח***

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת גאלד שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הגה"צ **רבי שמואל זאנוויל גאלד** זצ"ל אב"ד רחמי האב).

*

***יום רביעי פרשת קרח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל שטראססער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כתה ח' של התלמוד תורה בוומסב"ג (תלמידי הרב **אברהם הערש וואזנער** שליט"א) להבחן על כל מסכת מכות שלמדו במשך השנה.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** האב גרויס הנאה געהאט, ב"ה מען האט זייער פיין געלערנט, ב"ה מען האט זיך פארהערט די גאנצע מסכתא. - מען גייט יעצט אין קעמפ, אויסער שלשה שאכלו וואס מען גייט לערנען, [און מען גייט עס מקיים זיין אויך, ווייל אין קעמפ זיצט מען און מען עסט...] יעצט ווען מען קען די מסכתא, יעצט איז די צייט אז מען זאל עס גוט איבער'חזר'ן. אין משך פונעם זומער זאל מען איבער'חזר'ן פאר זיך די מסכתא. עס נעמט נישט לאנג, ווייל אז מען קען א בלאט גמרא, נעמט עס נאר אפאר מינוט וואס מען קען עס געהעריג איבער'חזר'ן. און אז מען חזר'ט עס גוט איבער, בלייבט עס אינעם זכרון צו געדענקען אויף שטענדיג. ווייל אלעס ווענדט זיך נישט אינעם לערנען, נאר אינעם חזר'ן. מען דארף לערנען כדי מען זאל האבן וואס צו חזר'ן. אבער דער עיקר איז די חזרה, דאס מאכט אז מען זאל געדענקען וואס מען האט געלערנט.

**זומער** גייט מען ארויס אין קעמפ, עס איז א צייט וואס מען טוט זיך אביסל צושטרייען, מען גייט אוועק פון שטוב, מען גייט אוועק פון די עלטערן, מען איז אין קעמפ דעם גאנצען זומער. עס איז דא

אין קעמפ די סדרים ווי אזוי עס איז אויסגעשטעלט. ווען איך קום אלץ אין קעמפ, זעה איך אז עס איז דא סדרים, אויסער די סדר אויך. די קינדער וואס זענען מער פלייסיג, שטייען אויף פריער, און זיי לערנען שפעטער פרייטאג און שבת. און יעדער דארף זיך פראבירן צוצושטעלן. מען האט די געלעגענהייט אז מען זאל קענען לערנען, עס איז רואיג אינדרויסן.

**מען** איז אינדרויסן אין קעמפ אלע קינדער צוזאמען. מען דארף מקיים זיין די מצות וואס איז בין אדם לחבירו. מען דארף זיין גוט איינעם צום צווייטען, מען דארף נישט מקפיד זיין, דער האט די זאך אין שטוב, און יענער האט די צווייטע זאך אין שטוב, די בעט, יענע בעט, מען דארף קענען מוותר זיין פאר א צווייטען. מען מוז נישט אייביג אויספירן, איך דארף האבן די בעסטע, און אלעס דארף זיין נאר פאר מיר. עס איז א חלק פון די מצוה פון גמילות חסדים. די וועלט שטייט אויף דריי זאכען, אויף תורה, און דאווענען, און גמילות חסדים. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען אויסנוצען דעם זומער, זיך שיין אופפירן, און עס זאל זיין א קידוש שם שמים. ווען מען פירט זיך אויף ערליך, זאגט מען, אזוי קוקט אויס איינער וואס לערנט תורה. און אז נישט, זאגט מען, א שאד פאר זיין טאטע און פאר זיין רבי וואס האט מיט אים געלערנט, קוק ווי אזוי ער פירט זיך אויף. זאלן מיר אלע האבן א געזונטען זומער, פלייסיג לערנען, און שטייגען, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי בעריש לויפער זצ"ל**.

## <u>קול רנה וישועה באהלי צדיקים</u>

בשעות הערב נקבצו ובאו קהל רב תלמידים וחסידים אנשי שלומינו שיחי' לשמוח בשמחתו של **רבינו שליט"א**, שמחת הבר מצוה של נכדו בנש"ק הב' **ישראל** נ"ו בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, חתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, שהתקיים בבית מדרשנו הגדול.

קהל גדול של חסידים וידידים אנשי שלומינו ובית וויזניץ, צבאו וגדשו את היכל הבית המדרש, שהיה ערוך בשולחנות ובסעודה רחבה ברוב פאר והדר כראוי וכיאות, כאשר בשלחן המזרח פיארו רבנים גאו"צ וקרובי המשפחה שליט"א, שהגיעו לשמוח בשמחת בית צדיקים.

עם הופעת **רבינו שליט"א** ומחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** לשמחת הבר מצוה, קיבלו קהל הקודש את פניהם בשירה ובזמרה ובריקודין של שמחה. – בתחלת הסעודה ערך חתן הבר מצוה נ"ו סיום על מסכת ברכות שלמד בשקידה, **ורבינו שליט"א** אמר הקדיש. אחר כך נשמעו דברי תורה לרגל השמחה מאת **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

אחר פרקי שירה וזמרה שר **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** הניגון 'אודה ה' בכל לבב'. אחר כך השמיע חתן הבר מצוה נ"ו את הפשעטיל בענין היסח הדעת בתפלין, ופרצו כל הקהל בריקודין של שמחה וחדוה, **ורבינו שליט"א** יחד עם הסב **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** יצאו בריקוד מיוחד עם חתן הבר מצוה נ"ו, ועם **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

אחר פרקי שירה וזמרה זכו לשמוע דברות קודש **מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** (נדפס בגליון 'דברי תורה'). אחר כך בירך חתן הבר מצוה נ"ו ברכת המזון על הכוס, ועברו המשתתפים לפני הסבים **האדמורי"ם שליט"א** ובעלי השמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזל טוב.

לכבוד השמחה הגדולה יצא לאור ספר **ויאמר יהושע** (ח"ב, על סדר ויקרא, במדבר, דברים, והגש"פ), מאת **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל**, ונתחלק לכל המשתתפים.

*

*<u>יום חמישי פרשת קרח</u>*

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית המדרש וויזניץ, ביחד עם מוחתנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**. לפני התפלה הניחו הסבים האדמורי"ם שליט"א התפלין לנכדם הבחור בנש"ק **ישראל** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים, ויצאו **כ"ק האדמורי"ם שליט"א** בריקוד עם חתן הבר מצוה, ובני המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק'.